**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 6/10/2024 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנער האקול מעלדט נייע פירערשאפט טערמינען ביי די אפיס פון קענעביס איבערזיכט**

***באשטימטע צו פירן אפעראטיווע איבערהוילן ביי OCM און אימפלימענטירן פון טעסק פארס באריכט***

גאווערנער האקול מעלדט דריי נייע פירערשאפט טערמינען ביי די אפיס פון קענעביס איבערזיכט, טייל פון דראסטישע אפעראטיווע איבערהויל פון די אגענטור געלאזט געווארן אין גאנג לעצטע חודש. די דאזיגע באשטימטע, אריינגערעכנט פעליסע א .ב. רייד אלס עקזעקיוטיוו דעפיוטי דירעקטאר און עקטינג עקזעקיוטיוו דירעקטער, האבן אריין געשטעלט א פירערשאפט טיעם וואס וועט איינשטעלן טוישונגען צו ענדיגן די ענגע צאל פון לייסענס אפליקאנטן, פארבעסערן קאמיוניקאציע מיט אפליקאנטן און די וועלכע האבן שוין לייסענס, און פארשטארקערן די אגענטור'ס פארפליכטונג צו די סאציאלע צילן קאדיציפירט אין די מאריכוואנא רעגולאציע און טעקסעישאן אקט.

" איך בין פארפליכטעט צו פארזיכערן אז ניו יארק'ס נאציאנאל-פירענדע קענעביס מארקעט האלט אן צו בליען, "**האט גאווערנער האקול געזאגט.** מיט די דאזיגע נייע באשטימטע, וועט די אפיס פאר קענעביס איבערזיכער פארזעצן צו פאקוסירן אויף פארברייטערן די מערסט גערעכטע ערוואקסענע-באנוץ באנוץ נאציאנאל ווען צו די זעלבע צייט זיך אראפלאזן צו כאפן אומלעגאלע געשעפטן."

די גאווערנער האט אויך געמאלדן א נאציאנאלווייזע זוך פאר א פערמענאנטע עקזעקיוטיוו דירעקטאר פאר OCM צו פירן די אגענטור אין די צייט וואס עס ארבעט צו וואקסן און שטיצן דעם פאלק'ס מערסט פילפעלטיגע און גערעכטע לעגאלע קענעביס מארקעט פלאץ. די גאווערנער'ס באשטימונג אפיס וועט ארבעט מיט אן ערפארענעם רעקרוטמענט פירמע צו אידענטיפיצירן קוואליפיצירטע קאנדידאטן פון דורכאויס די סטעיט און לאנד.

**פעליסע א.ב.רייד** איז געווארן באשטימט צו זיין **עקזעקיוטיוו דירעקטאר און עקטינג עקזעקיוטיוו דירעקטאר.** אין דעם ראלע, וועט פיליסיע איבערזיכטן הויפט אפעראטיווע און רעגולאטארישע פונקציעס פון די אפיס אריינגערעכנט ארויסגעבן לייסענסעס, איינהאלטונג און אינפארסירונג. זי וועט אנפירן די איינשטעלן פון OCM אסעסמענט טיעם'ס רעקאמאנדאציעס בשותפות מיט די OCM פירערשאפט טיעם און שטאב.

פעליסיע פארמאגט איבער א יאר צענדליג פון ערפאראונג אין סטעיט גאווערמענט און האט דורכאויס די לעצטע זעקס יאר געארבעט ביי די אפיס פאר קינדער און פאמיליע סערוויסעס, אריינגערעכנט איבערזיכטן סטעיט ווייזקינדער יוסטיץ אפעראציעס אלס דעפיוטי קאמיסיאנער. זי איז אויפגענומען ביי די ניו יארק סטעיט באר אסאסיעשאן און האט פארדינט איר געזעץ דעפלאמע פון ניו יארק סטעיט געזעץ שולע. זי פארמאגט אויך א בעטשלור פאר ארטס פון פארדהעם יוניווערסיטעט.

**אפיס פאר קענעביס איבערזיכער עקזעקיוטיוו דירעקטאר און עקטינג עקזעקיוטיוו דירעקטאר פעליסע א.ב. רייד האט געזאגט, "**איך בין עקסטאזפול צו ארבעטן מיט יעדן ביי OCM און אונזערע שותפים סטעיט ווייז צו פארברייטערן די אגענטור'ס ארבעט, בויען די בעסטע אינערליכע און אויסערליכע פראקטיצירונגן, און פאקעסירן אויף מאכן ניו יארק סטעיט'ס קענעביס אינדוסטריע אזא וועלכע קומט נאך די געברויך פון קליינע ביזנעסער און קאנסומערס. קענעביס איז א געוואלדיגע געלעגנהייט פאר אונזער סטעיט, און OCM איז אבליגירט צו פארזיכערן אז עס ארבעט צו מאכן די דאזיגע געלעגנהייטן צוטריטליך, דורכזיכטיג, און רעספאנסיוו צו די אינדוסטריעס באוועגונג און טרענדס. איך וויל באדאנקן גאווערנער האקול פאר די דאזיגע געלעגנהייט און איך קוק ארויס צו טון די ארבעט מיט יישרות אלס די צענטער-מערסט פאקוס פון OCM'ס וועג אויף ווייטער."

**סוזען פילבורן** איז געווארן באשטימט אלס **שעף אדמיניסטראטיווע אפיציר.** די נייע פאזיציע וועט פאקוסירן אויף סטאביליזירן און פארמירן אדמיניסטראטיווע פונקציעס פונעם אגענטור צו שטיצן ארויסגעבן לייסענסעס, איינהאלטונג און אינפארסירונג אפעראציעס. זי וועט אויך ארבעטן נאנט מיט די לייסענסינג און טעכנעלאגיע טיעם צו איינשטעלן פראצעדור פארבעסערונגן צו צוזאמברענגן די לייסענס איבערבליק פראצעדור און פארבעסערן עמפאנגליכקייט.

סוזען האט מער ווי 20 יאר ערפארונג אין סטעיט גאווערמענט, אריינגערעכנט די לעצטע פיר יאר אלס דעפיוטי קאמישינער פאר עמפלוימענט סעקיוריטי ביי די דעפארטמענט אוו לעבאר. סוזען איז א פאראייניגטע שטאטן ארמיי וועטעראן וועלכע האט געדינט אין פארשידענע לאקאציע אלס אן אוויאציע אפיציר. סוזען האלט א מעסטערס אוו פובליק אדמיניסטרעישאן פון די סיריקוס יוניווערסיטעט מעקסוועל שולע, אזוי אויך א בעטשלער פאר סייענס פון די פאראייניגטע שטאטן מיליטערישע אקאדעמיע אין וועסט פוינט.

**דזשעסיקע וואלפארד** איז געווארן ארויפגעשטעלט צו די פאזיציע פון **דירעקטאר פאר אויסערליכע איינגעלעגנהייטן.** איז די דאזיגע ראלע, וועט זי פארזיכערן אז קאמיוניקאציע און קאמיוניטי ענגעידזשמענט ווערן פריארטיזירט בשעת ווען די אגענטור שטעלט טראנספארמאטיווע טוישונגן. זי וועט אויך בויען אינדרויסן פון די אגענטור'ס ערשטע קאסטומער סערוויס טיעם צו צושטעלן דורכזיכטיגיקייט פאר אפליקאנטן, לייסענסעס און קאנסומערס איבער די אגענטור'ס פראצעדור און די מארקעט פלאץ.

דזשעסיקע האט פריער סערווירט אלס דירעקטאר פאר קאמיוניקאציע אין די OCM און האט פלינקערהייט געפירט די אגענטור'ס אויסערליכע קאמיוניקאציעס דורך קאמפליצירטע איבערגאנגן איבער די לעצטע ניין חדשים. זי האט מער ווי א יאר צענדליג ערפארונג אין ארבעטן אין גאווערמענט און פאר סאציאלע יוסטיץ ארגעניזאציעס, זי האלט א בעטשלער'ס דעגרי פון וויליעם קאלעדזש אין היסטאריע מיט א קאנצעטראציע אין אפריקאנע שטודיעס.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418
שרייבט זיך איין צו באקומען די לעצטע נייעס פון די גאווערנער'ס אפיס: ny.gov/signup | טעקסט די ווערטער NEW YORK צו 81336

זיך ארויסשרייבן